# שיחות התחזקות בנתיבות החיים

## בענין: "כח האחדות - וקדושת שבת קודש, כבוד עצמי "

ליל ששי פרשת ויקהל, תשס"ו, מאנטריאל. - בלתי מוגה

שנה א' גליון יא'

הגליון מקודש לע"נ אדמו"ר הרה"ק ר' חיים זאנוויל בן ר' משה מריבניץ זצוקללה"ה זיע"א

פרשת ויקהל פקודי תשע"ב


בס"ד

**וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה יְ' לַעֲשֹׂת אֹתָם.**

אין מדרש (תנחומא ח.) שטייט אז די פרשה "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם" איז געזאגט געווארן בעצם יום הכפורים, וואס השי"ת האט זיך מפייס געווען יו"כ מיט די אידן אויפ'ן חטא העגל, און יעצט, ממחרת יום הכפורים (כפי' רש"י), איז געזאגט געווארן די היינטיגע פרשה, "ויקהל משה את כל עדת בנ"י". עס ווערט געברענגט אין "**רבינו בחיי**" (פ' תשא) אז קהלת משה קומט מכפר זיין אויף קהלת אהרן - "ויקהל העם על אהרן" (שמות לב), און דאס איז געווען דער תיקון, ווען מען האט מאסף געווען אלע אידן זיי צו באפעלן אויף דער מלאכת המשכן.

דארף מען פארשטיין די כוונה פון דער כפרה דורך דער צוואה פון "ויקהל משה" מכפר צו זיין אויף "ויקהל אהרן"?

אויך טרעפט מען אז פאר'ן חטא העגל איז געווען ערשט דער צווי המשכן, און נאכדעם דער צווי פון שבת (שבת איז געלערנט געווארן אין פ' כי תשא, נאך פ' תרומה תצוה), און דא האט משרע"ה מקדים געווען אזהרת שבת פאר'ן צווי מלאכת המשכן?

אויך דארף מען פארשטיין: וואס איז געווען דער כח וואס האט צוגעברענגט צו דעם פיוס, ווי חז"ל זאגן, "תבא אלה הדברים ותכפר על אלה אלהיך ישראל יבא זהב התנופה ויכפר על זהב העגל", נאכ'ן גרויסן חטא וואס מש"ר האט געזאגט "**אָנָּא חָטָא הָעָם הַזֶּה חֲטָאָה גְדֹלָה**", און ווי עס שטייט אין "**רבינו בחיי**" (שם): "...כיון שעשו אלהי זהב נסתלקה מהם שכינה ולא היתה שורה ביניהם"; מיט וועלכן כח האט מען צוריקגעברענגט די שכינה בישראל?

## גדול כח האחדות וקדושת ש"ק

**נאר** מ'קען בס"ד מסביר זיין דעם ענין, וואס עס מיינט אחדות ה', און דאס וואס עס שטייט ביי ש"ק התאחדות ברזא דאחד, וואס אלץ איז איין כוונה.

כידוע, אז ביי מתן תורה שטייט "ויחן שם ישראל כאיש אחד ובלב אחד", וואס נאר אויף אזא מצב פון אחדות האט געקענט זיין מעמד קבה"ת, ווייל ישרא"ל (**מגלה עמוקות** פ' ואתחנן או' קמו, **שלה"ק** מס' פסחים ועוד) איז די ר"ת פון יש ש'שים ר'בוא א'ותיות ל'תורה. קומט אויס, אז יעדער איד האט אן אות אין דער תורה, און דורך מאחד זיין אלע אידן זענען מצורף געווארן אלע אותיות התורה, און פון דעם איז נשלם געווארן די תוה"ק, א ספר תורה שלם, און מען האט זוכה געווען למעמד קבלת התורה.

ובאו כלם בברית יחד, נעשה ונשמע אמרו כאחד, דער יסוד האחדות האט געהערשט בשעת מתן תורה, ווייל די אידן האבן אנערקענט, אז די גאנצע וועלט, אלע טבעיות'ן, די פרטים און כוחות וואס זענען אין דער בריאה, וואס זעט אויס בפירוד, איז בשורשו אחד.

**כדאי' בסה"ק מאור עינים** (פ' ויצא)

... דנודע סוד המשכת הדעת מלמעלה ממקור האחדות עד שבא המשכת הדעת למטה לעולם המחלוקת והפלוגתות של חכמים בדעת התורה ואלו ואלו דברי אלהים חיים כי באמת אחר שבא הדעת בהמשכה מלמעלה ממקור העליון עולם האחדות ונמשך עד עולם התחלקות שמשם שרשי נשמות ישראל ...כמבואר וכל אחד נמשך אצל הדעת מעולם ההתחלקות כפי שורש נשמתו מעולם ההתחלקות כך אומר דעתו בתורה והשני גם כן אומר דעתו בהיפך מחבירו הוא גם כן על ידי הדעת המתחלק ונמשך לשורש נשמתו מראה כך אבל באמת כי בשרשן אלו ואלו דברי אלהים חיים הכל אחדות אחד כי בשורש שמשם המשכת הדעת מעולם הבינה שם אין התחלקות כלל ואין מחלוקת אלא שבהמשכת הדעת למטה בעולם הפירוד יפרד הדעת שכולם שואבין ממקור אחד מן הדעת אלא שהוא נראה בעולם הפירוד בהתחלקות ובאמת כשמגביהין כל המחלקות לשורש המקור לעולם האחדות נעשין אחדות על שמות בני ישראל כי מתחלק לכל אחד הדעת לפי שרשו ובשרשן הן אחד עכ"ל.

וואס דאס איז דער כח פון ש"ק וואס איז מייחד די גאנצע וואך בסוד התאחדות ברזא דאחד **כדאי' בשפת אמת** (פ' שלח תרמ"ז)

...וזאת האחדות אינו בנמצא בעלמא דפרודא דא רק לבנ"י ניתן זה האחדות בנפש. וכמו כן בימים נמצא בשבת קודש התאחדות ברזא דאחד ... וכמו כן בש"ק שמתאחד כל הבריאה לכן טוב להודות לה' עכ"ל.

און דאס איז דער גאנצער תכלית האדם בעולמו, מאחד צו זיין אלע כוחות לצרפם יחד. אט דאס איז נשלם געווארן בשעת מתן תורה, אז עס איז ניכר געווארן ווי אלץ איז זיך מתאחד, אז עס איז נישטא קיין טבעיות, אלהים אחרים; און בשעת'ן הערן אנכי ולא יהי' לך, האבן די אידן משיג געווען בחוש אחדות ה' שאין עוד מלבדו.

עפ"ז קען מען פארשטיין דעם מדרש (דב"ר פ"ב) אז בעת מתן תורה האבן די בנ"י זוכה געווען צו קריאת שמע, ווייל עס ווערט געברענגט אז די גאנצע כוונה פון ק"ש איז מקבל צו זיין עול מלכות שמים דורך דעם וואס מיר זענען מכיר אין אונזער טבעיות'דיגן טאג-טעגליכן לעבן, אז אלץ פירט זיך דורך ה' אלוקינו, און אלץ איז בשורשו אחד, ווייל די ידיעה האבן אידן געזען בחוש, אזוי ווי עס שטייט (פ' ואתחנן פ' לה): "**אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת כִּי יְ' הוּא הָאֱלֹקִים אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ**", כידוע, אז אלע טבעיות'דיגע כוחות וואס זענען דא אין דער בריאה זענען בשם אלקים וואס איז מרמז אויף טבע, ווי עס שטייט אין ספרים ("**באר מים חיים**" פ' יתרו; "**בן איש חי**" פ' כי תבא) אז די פעולות טבעיות ווערן געטון דורכ'ן שם אלקים וואס איז גימטריא "הטבע", און ביי מתן תורה האט די גאנצע בריאה געזען בחוש אז אלע כוחות און טבעיות'ן וואס זענען דא אין דער בריאה איז אלץ פון השי"ת כי ה' הוא אלקים - ואין עוד מלבדו.

טייטשן מיר בס"ד: "**אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת**", דער אויבערשטער האט אונז סיי געוויזן און סיי געגעבן די ידיעה, אז "**כִּי יְ' הוּא הָאֱלֹקִים אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ**", און פון דעמאלט אן זענען מיר עדות על אחדות הבורא יתברך, אזוי עס ווי שטייט קלאר (ישעי' מג, י): "**אַתֶּם עֵדַי נְאֻם יְ' וְעַבְדִּי אֲשֶׁר בָּחָרְתִּי לְמַעַן תֵּדְעוּ וְתַאֲמִינוּ לִי וְתָבִינוּ כִּי אֲנִי הוּא לְפָנַי לֹא נוֹצַר אֵל וְאַחֲרַי לֹא יִהְיֶה**", און ביי עדות שטייט (רמב"ן ויקרא ה, א) אז "אין עד בלא ראיה ובלא ידיעה", און פון דער ראיה און ידיעה וואס איז געווען ביי מתן תורה כי ה' הוא אלוקים אין עוד מלבדו, זענען מיר זוכה צו זאגן ג"פ ביום שמע ישראל, און עדות זאגן על אחדות הבורא אז ה' אחד ושמו אחד.

**עפ"ז** קענען מיר פארשטיין אן ענין וואס ווערט דערמאנט בספרי חסידות באריכות, נאר עס צו פארשטיין קלאר וועט מען אפלערנען כפי מתנת ידי בס"ד א שטיקל **"שפת אמת"** אין אונזער פרשה (תרל"ז): **"...ע"י החטא בעגל ניטל מהם האחדות כמ"ש אלה כו' לתקן חטא של אלה אלקיך כו'. פי' שנפלו למקום הפירוד והריבוי"**. אזוי ווי מיר האבן געשמועסט, אז בעת קבה"ת איז נתאחד געווארן די גאנצע בריאה, און בחטא העגל, איז מען אנגעקומען צו פירוד, ווייל זיי האבן געזוכט אלוהות הרבה, איז אוועקגעפאלן דער כח המאחד, דעריבער האט מען גלייך ממחרת יו"כ מתקן געווען נדבת המשכן. שמועסט אויס דער **"כלי יקר"** [תשא ד"ה ויקהל משה]:

**"...זה היה לתווך השלום ביניהם, כי אין אדם דר עם נחש בכפיפה אחת ואחר שרצה להודיעם מעשה המשכן שיהיו כולם שותפים בו דומה כאילו הושיב את כולם במדור אחד, ועל כן הוצרך להקהילם תחלה שיהיו באגודה אחת, וע"כ פירש רש"י שהיה זה למחרת יו"כ לפי שכל החניות היו במחלוקת ותרעומות חוץ מן החניה שקודם מ"ת שנאמר [שמות יט ב] ויחן שם ישראל וגו' וא"כ איך אפשר להקהילם בזמן שהם מחולקים ואין דעתם שוה ואין זה זמן מוכן, לזה מצא משה להקהילם כרצונו למחרת יו"כ כי ביו"כ השלום מתווך ביניהם ובעצם היום ההוא כולם באגודה אחת ע"כ היה בנקל להקהילם ביום המחרת כל זמן שהשלום האתמול קיים, אבל אם יום או יומים יעמוד אז לא יוקם השלום כי כבר נתפרדה החבילה וכל איש לדרכו פונה וכדי שלא יתנגד אל השלום דברי ריבות שביניהם בעסק ממון שבין איש לחבירו כי אין לשלום של יו"כ עסק בזה, ע"כ ישב משה גם לשפוט בעצם היום ההוא כדי שמכל צד יהיה שלום ביניהם, ואז יהיו ראויין לדור במדור אחד דהיינו המשכן המשותף לכולם".**

דער **"שפת אמת"** איז ממשיך: "**וזה** דער חטא העגל האט געמאכט א פירוד פונעם כח המאחד **נתקן ע"י מלאכת המשכן שהוא התקרבות הנפרדים** הקרשים והאדנים וכדו' **לקשר הכל בשורש האחדות** כידוע, אז מקור האחדות איז ביטול אל השורש **כדאי'** (במס' אבות פ"ב) **בטל רצונך לפני רצונו, וחטא העגל הוא מעולם הפירוד כדאי' בס' בית עולמים** על זוה"ק (קלז:) ואלה המלכים מעלמא דפירודא שנפרדו האותיות ונעשו שברי כלים וז"ש העגל שעשו פירוד בין מ"י לאל"ה כמ"ש אלה אלהיך כו' וכתיב למי זהב התפרקו כו', **ע"כ בחטא העגל נתפרדו ההכח האחדות שנעשה בעת קבה"ת, לכן מש"ר ע"ה הקהלם והזהיר להם על השבת, שרזא דשבת איהו אחד, ומכח קדושת השבת יוכלו להתאחד.**

און צו פארשטיין דעם עומק פון קדושת ש"ק, איז דער שפ"א ווייטער מסביר: **ולכן במשכן הי' כל מיני ל"ט מלאכות שהוא שורש כל המעשים להחזירם אל מקור האחדות, אך איך יכולין לבוא לזה הוא ע"י השבת שמצוה זו לא נאבד מהם ונתאחדו בשבת בשורש האחדות ולכן הקדים השבת, והוא ענין כלל ופרט, ופרט צריך לכלל, וכלל לפרט, ששבת הוא הכלל** דער פשט איז אז די ששת ימי המעשה זענען פרטים, יעדער טאג איז א בריאה בפני עצמה; דער אויבערשטער האט באשאפן יעדן טאג א נייעם גילוי, א חידוש אין דער בריאה וואס איז נישט געווען דעם טאג פריער, און יעדער טאג כשלעצמו איז געווען א דבר השלם, ביז דער מארגנדיגער טאג איז באשאפן געווארן, למשל: מאנטאג האט משלים געווען דעם זונטאג, אבער ביז מאנטאג איז דער זונטאג געווען בתכלית השלימות, נאר ווען דער מאנטאג איז באשאפן געווארן דארף דער זונטאג אנקומען צום שלימות פונעם מאנטאג; ביז פרייטאג, וואס השי"ת האט באשאפן דעמאלט דעם אדם, דעם בחיר הבריאה - צוזאמענשטעלן די אלע פרטים פון דער גאנצער בריאה, ווייל - **...ימי המעשה הוא התבררות כל הפרטים** ע"י הל"ט מלאכות שנעשו בששת ימי המעשה, ואנו רק צריכים **ולבטלם להשבת** ולהחזירם לשורשם כל ימות השבוע בש"ק, וואס דעמאלט איז געווארן כלתה ונגמרה המלאכה - ובא שבת באה מנוחה, דער כח המנוחה וואס הקב"ה האט געגרוט בשב"ק - דער אויבערשטער האט אריינגעברענגט מנוחת שלום ושלוה אין דער גאנצער בריאה, וואס שבת גייט אלץ צוריק צו זיין שורש. קומט אויס, אז בעת מען היט דעם ש"ק כדבעי, איז מען צוריק מחבר אלע פרטים פון דער בריאה און מען איז זיי מבטל להמקור, ה', שהוא הש"ק, אלץ כדי דער מענטש זאל האבן דעם כח צו טון זיין עבודת הקודש, לבטל רצונו בפני רצונך".

טייטשן מיר בס"ד: **"שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה"** - פארוואס איז דא א צווי פון "תעשה מלאכה"? נאר דער פירוש איז: "תעשה", די ל"ט מלאכות, און ווי אזוי ווייסן מיר אז די ל"ט מלאכות פון די ששת ימי המעשה ווערן מתוקן ש"ק, דערויף איז דער פסוק ממשיך: **"וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶ"ם"** – אותיות מל"ך - **"קֹדֶשׁ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לַי"**", אז דורך קדושת השבת ווערט נשלם די גאנצע בריאה, וואס דעמאלט זענען מיר מעיד אויף דער בריאה אז השי"ת איז דער מלך על כל הארץ, ואין מלך בלא עם – און ש"ק ווערט נתגלה אז אנו עמך ואתה אבינו.

## הטעם שבשבת אין מצות ראי' כמו יו"ט

**דערצו** קען מען צולייגן א דבר נפלא וואס שטייט אין **"שם משמואל"** (פ' בא, תרע"ו): "

...יש ליתן טעם דאין מצות ראי' בשבת, דבשבת כל ישראל מתאחדין, כי שבת רזא דאחד, והיינו דשבת הוא יומא דנשמתא, ובהנשמות כל ישראל הם אחד, וע"כ מה שאנשי משמר לבד והכהנים העובדים במקדש הם מתראין לפני ה', נחשב כאילו כל נשמות ישראל אף שהם בריחוק מקום כאילו היו ג"כ שמה, כמו ביו"ט הטף של אדם שנחשבים כגופו, ואף שמצד הגופים נפרדת כל גוי' וגוי' לעצמה, מ"מ כל ענין שבת שהוא יומא דנשמתא והנשמות הרי מתאחדות, ואינו דומה ליו"ט שאיננו נקרא יומא דנשמתא וצריכין גם הגופים להיראות, וע"כ יו"ט שחל בשבת אין השבת פוטר את יו"ט מראי', דאף דמצד נשמתם מתאחדים עדיין חסרה התאחדות הגופין". עכ"ל.

**זעט** מען פון דא א טיפן רעיון: יו"ט איז נישטא די בחי' פון "רזא דשבת דאיהו אחד", דעריבער איז יו"ט דא א מצוה "שָׁלֹשׁ פְּעָמִים בַּשָּׁנָה יֵרָאֶה כָּל זְכוּרְךָ אֶת פְּנֵי הָאָדֹן ה'", ווייל דארט, אין ביהמ"ק, ווערט יאה נתגלה כבוד ה', וואס דעמאלט ווערט נתאחד די גאנצע בריאה מכח קדושת ישראל והזמנים, אבער ש"ק ווערט נתאחד די גאנצע בריאה בברית יחד, קען יעדער זיין בביתו און עס קען זיין שביתת כליו ובהמתו, ווייל שבת איז "**מֵעֵין הַבְּרָכוֹת, קֵל הַהוֹדָאוֹת, אֲדוֹן הַשָּׁלוֹם, מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת והזמנים** וגו'", **כדברי המדרש** (ויק"ר פ' כ"ט): "כל השביעין חביבין", ווי עס שטייט אין **רמב"ם** (הל' שבת פ"ב): "המהלך במדבר ולא ידע מתי הוא יום שבת מונה מיום שטעה ששה ומקדש שביעי ומברך בו ברכת היום ומבדיל במוצאי שבת", און אזוי אויך איז ש"ק דער מקור האחדות, ווי מען זאגט אין שמו"ע שבת ביי מנחה, "**אַתָּה אֶחָד וְשִׁמְךָ אֶחָד וּמִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד בָּאָרֶץ**". צוליב דעם דארף מען נישט עולה רגל זיין שבת, ווייל אלע נשמות פון די אידן ווערן ש"ק נתאחד אליין פון זיך.

**והקריאה** מעוררת את הזמן, אז דער כח האחדות איז יעצט צוריק נתגלה געווארן נאכ'ן חטא העגל, וואס מען האט זיך אפגעריסן פונעם מקור האחדות, וואס עס איז געווען פריער "ויחן שם ישראל נגד ההר - כאיש אחד ובלב אחד". כדי צו פארשטיין עומק הענין, שטייט אין **"נועם אלימלך"** (פ' דברים):

כי הטעם למה שאנו אומרים קודם כל עבודתינו ותפילתינו לשם יחוד כו' בשם כל ישראל , והכוונה היות שאין צדיק בארץ כו' ואם כן האיך יכול לעשות איזה דבר קדושה באברינו כיון שנעשה בהם איזה עבירה חלילה ונפגם אותו האבר ואיך יכול להשרות עליו קדושת העבודה ההיא אך שהתיקון לזה הוא במה שכולל עצמו עם כללות ישראל . . . ואז יכול לעשות המצוה או העבודה ההוא וזה עלה אחת. עכ"ל.

**מ'קען** געבן צו פארשטיין דעם נו"ע, ע"פ דברי **השפת אמת** (פ' קרח תרמ"ז):

...כי בודאי יש מקום לחילוקי דיעות שנמצא בבנ"י כמ"ש כשם שאין פרצופיהם שוה כך אין דיעותיהם שוות, והענין עפ"י מ"ש אא"ז מו"ר ז"ל על המשנה אם אין אני לי מי לי כי כל אדם נברא לתקן דבר מיוחד שאין אחר יכול לתקן וכן

בכל זמן וזמן מיוחד תיקון אחר, עכ"ז כשאני לעצמי מה אני שצריך כל אחד לבטל חלק פרטי שלו אל הכלל ע"כ דפח"ח, וענין זה נוהג בעולם שנה נפש. כי בששת ימי בראשית נברא בכל יום ענין מיוחד לא ראי זה כראי זה, אך השבת הוא הכולל כל הימים והוא כלי מחזיק ברכה ע"י שיש בו האחדות לכן הוא קיום כל הימים כדאיתא באת שבת באת מנוחה ונגמרה המלאכה כי אם אין שלום אין כלום...והנה כן עשה הש"ת שיהי' מקודם ששת ימי המעשה ואח"כ יהי' חיבור אחד מכולם, וכמו כן הגם כי המחלוקת צריך להיות שכל אחד יאמר דעתו אבל הכל כדי שיהיה אח"כ אחדות אחד, כדכתי' והב בסופה אהבה בסופה זה הוא מלחמת ה' לש"ש ומתחיל בפירוד ומסיים בחבורא ואז מתקיים כמ"ש עושה שלום במרומיו. עכ"ל.

## מחלוקות לש"ש נקרא רק אם והב בסופה

**דער** "שפת אמת" לערנט אונז אז יעדער מענטש האט א באשטימטע פליכט אויף דער וועלט, און קיין זאך איז נישט איבעריג, חלילה. אויף דעם שטייט "בשבילי נברא העולם", און קיינער קען דאס נישט טון פאר אים; עס העלפט נישט ביי דעם דער דין פון שמוע כעונה. אבער דאס גייט נאר אן לגבי זיין פרטיות'דיגער עבודה און תפקיד אויף דער וועלט, אבער לגבי דעם כלל ישראל דארף זיך יעדער איינער מבטל זיין פאר'ן כלל ישראל. דאס הייסט, מ'לעבט אין א קהילה, צווישן א ציבור, צווישן די חברים, און עס מעגן זיין חלוקי דעות – אבער אלץ מוז זיין דער ציל פון "והב בסופה" - "אחרי רבים להטות", וואס דאס איז דער ענין פון שבת שלום ומבורך, אז ש"ק איז הדבר הנשלם, הבריאה, כל הפרטים אל הכלל, בחותם ממ"ה הקב"ה, וואס דאס איז יסוד האחדות לבטל הכל לשורשו.

## מהו הצלחת העסקנים - וחברים

**און** פארקערט איז ווען יעדער זוכט צו זיך האלטן מיט זיין מיינונג, און דערמיט ווערט א פירוד לבבות, אזוי ווי דער "**רבינו יונה**" שמועסט אויס א וויכטיגן יסוד אויף אהבת חברים און הצלחת העסקנים, עה"פ (משלי יח, א') **לְתַאֲוָה יְבַקֵּשׁ נִפְרָד בְּכָל תּוּשִׁיָּה יִתְגַּלָּע:**

...כי המבקש תאות לבו והולך אחריה נפרד היא מכל רע אשר לא יוכל איש לכלכל ולסבול מדות חברו אם ימשך אחרי חפצו ולא יבטל חפצו מפני חפץ חברו ... **המבקש לדבר תאוה ולא יבלום עדיו ואין מעצר לרוחו וידבר בכל אשר תאוה נפשו נפרד הוא מכל אח ומרעהו יפרד כי יחטא ואשם בדבריו לחבריו** ...והשנית כי יהיו למשא רב דבריו וישנאו חברתו בכל תושיה בכל חכמה יגלה דעתו אע"פ שלא למדה כמה כי כן מדת המתאוים לדבר ולהשיב וגו' לא יחפוץ כסיל בתבונה ...**באשר ידבר הכסיל בחכמה לא יחפוץ להבין ולדעת האמת כ"א להתפאר ולגלות לבו ועומק מחשבתו ע"כ לא יאזין לדברי זולתו ולא יתישב עליהם וזאת תהיה לו לעדה כי לא יחפוץ בתבונה כ"א חפץ בה יקשיב לדברי חבריו ויתיישב בהם וישקלם במאוזני צדק למען יעמד על האמת כי ברוב הדעת ישלם המחקר**. עכ"ל.

**וכן** אי' **בשערי תשובה** (ש"א או' לא):

**... מי שמבקש ללכת אחר תאותו ורצונו, נפרד מכל חבר ועמית, כי ירחקו ממנו אוהב ורע, כי תאות בני אדם ומדותם חלוקות, אין רצונו של זה כרצונו של זה, אכן אם ילך בדרך השכל, אז יתחברו לו החברים, ויהיו אוהביו רבים.** ואמרו במוסר, מי שהוא רוצה את מדותיו רבו הקופצים עליו. ויש לפרש על הענין הזה בעצמו, **לתאוה יבקש נפרד** - איש נפרד מכל אח וחבר לתאוה הוא מבקש, ובעבור שמבקש ללכת אחר רצונו, למען זאת מרעהו רחקו ממנו, כענין, ודל מרעהו יפרד (משלי יט, ד), **בכל תושיה יתגלע** - ההולך אחר תאותו לא בדבר אחד יחטא בלבד, אך בכל זאת שבתורה יתגלע כי יעבור על כולנה, לשון (שם כ, ג), וכל אויל יתגלע. עכ"ל.

עד"ז קען מען פארשטיין א **רש"י** (מס' נזיר כג: ד"ה לתאוה יבקש נפרד):– "לדבר עבירה יבקש מי שנפרד ואיזה זה לוט שנפרד מעל אברהם", ע"ש - ווייל א"א איז דער ערשטער שהכיר את בוראו, אז ס'איז דא א מנהיג לבירה, וואס די גאנצע בריאה האט איין תכלית - יהי כבוד ה' לעולם, למען דעת כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו. א"א האט געוואלט מאחד זיין צוריק די גאנצע בריאה לשורשה, אבער לוט וואס האט זיך נאכגעגעבן זיינע תאוות האט זיך אפגעריסן פון "אחד היה אברהם", דעריבער "לדבר עבירה יבקש". דער "**שפת אמת**" טייטשט: "**אם אין אני מי לי**", אז יעדער האט זיין באשטימטע פליכט, וואס קיינער קען עס נישט משלים זיין, און אויף דעם האט יעדער א פרטיות'דיגע שליחות עס מתקן צו זיין, אבער לגבי דעם חלק פון "**כשלעצמי מה אני**" גייט שוין נישט אן קיין אנכיות, נאר מען דארף זיך מבטל זיין אל הכלל, ווייל דאס איז דער שליסל צו דער הצלחה פון עסקנים, און אזוי אויך צווישן די חברים און פריינט - כדברי הרבינו יונה והשערי תשובה, והחוש מעיד ע"ז.

## מה נקרא מסיבת מריעים - ומסיבת לצים

**און** דערמיט פארשטייט מען שוין בס"ד די מסורה פון "ויקהל" אין אונזער פרשה און "**וַיִּקָּהֵל הָעָם עַל אַהֲרֹן וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו קוּם עֲשֵׂה לָנוּ אֱלֹהִים, וַיַּקְהֵל עֲלֵיהֶם קֹרַח אֶת כָּל הָעֵדָה** וגו'" - זאגט דארט דער **מהר"ל** (שם גו"א): "בדברי ליצנות. דאם לא כן, למה היה מקהיל עליהם קרח כל העדה, דסתם הכתוב בזה וכתב "ויקהל", ולא כתב למה היו נקהלים, אלא שפירושו 'ויקהל בדברי ליצנות וגו'. **ואי' בילקוט שמעוני** (תהילים פכ"ו רמז תש"ג) שנאתי קהל מרעים איזה קהל ויקהל העם על אהרן, ויקהל עליהם קרח, ולאיזה קהל אני אוהב ויקהל משה, אז יקהל שלמה. ועס רשעים לא אשב זה עדתו של קרח סורו נא מעל אהלי האנשים הרשעים". עכ"ל.

ביי קרח איז אויך געווען א זמן קהילה, אבער עס איז געווען דברי ליצנות; מען האט זיך אוועקגעריסן פון כלל ישראל. עס האט געקענט שטיין סתם "ויקהל קרח" - נאר דאס איז פשט: "עליהם" - ער האט זיך מיט זיין ציבור געהאלטן העכער פונעם כלל, ער האט זיך נישט מבטל געווען בשם כל ישראל. כאטש עס מעגן זיין חלוקי דעות, אבער דער ציל דארף דאך צוברענגען צום "והב בסופה".

**דערמיט** פארשטייט מען שוין דעם נו"ע: אז א איד האט, חלילה, חוטא געווען, הייסט עס אז דער אבר איז נפגם געווארן - רמ"ח מצוות כנגד רמ"ח איבריו - איז די עצה דערצו - בשם כל ישראל, וואס מען איז זיך מקשר בעולם הנקרא בשם כל ישראל, וואס אין דעם עולם, בכללות ישראל, קומט נישט אן קיין שום חטא ופשע, בבחי' ועמך כולם צדיקים, ווייל חטאים זענען בעלמא דפירוד כנודע. איז די עצה אז ווען א איד גייט טון א מצוה זאל ער זיך גלייך מייחד זיין מיט לשם יחוד...בשם כל ישראל, וואס דעמאלט איז נישטא קיין חטא ופשע וואס זאל שטערן פון מקיים זיין די מצוה כדבעי.

**דערמיט** פארשטייט מען די בשורה טובה וואס משה האט איבערגעגעבן לבנ"י ברדתו מן ההר, מתקן צו זיין דעם "**ויקהל העם על אהרן**", כדי עס זאל נישט ווערן אנגערופן א חטא פרטי, נאר עס זאל ווערן צוריק לכללות ישראל, וואס דארט איז נישטא קיין שום שליטה פון חטא ופשע. מיט דעם בקשה און כח איז הקב"ה נתפייס געווארן צום עם ישראל. מש"ר האט מודיע געווען פאר כלל ישראל דעם חידוש, כדברי חז"ל (ע"ז ד:): "לא חטאו ישראל אלא להורות תשובה לרבים" – דהיינו, צו ווייזן דרך תשובה מכח הרבים. דורך "**וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**" - אז מען האלט זיך צוזאמען באחדות, מען איז זיך מבטל איינער פאר'ן צווייטן, און מ'איז מוותר בטוב עין פאר'ן חבר, און מען זוכט נישט צו שטעכן א צווייטן וכדו', הן בדיבור אדער במעשה, דעמאלט איז דא א סייעתא דשמיא, ווייל דער

כח הסט"א איז נאר שולט אויף א יחיד וואס איז זיך נישט כולל בכלל ישראל, כדאי' בחז"ל (ברכות מג:) "כל בי תרי לא מזיקי". דערמיט פארשטייט מען שוין די מצוה פון מחצית השקל, אז ווען אידן זענען זיך מאחד, יעדער האלט זיך נאר פאר א חצי, חלילה נישט גרעסער פונעם אנדערן, ווערט דורך דעם "בשקל אשא".

## סגולת שבת וכח האחדות

**ע"פ** דברינו קען מען פארשטיין בס"ד דעם המשך הסיום פון פרשת כי תשא: "**וְרָאוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת פְּנֵי מֹשֶׁה כִּי קָרַן עוֹר פְּנֵי מֹשֶׁה וְהֵשִׁיב מֹשֶׁה אֶת הַמַּסְוֶה עַל פָּנָיו עַד בֹּאוֹ לְדַבֵּר אִתּוֹ**" - בקשר צו דער התחלה פון אונזער פרשה - "**וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה יְ' לַעֲשֹׂת אֹתָם**". מ'קען מסביר זיין: כידוע, אז בשעת א מענטש איז חוטא ח"ו, טוט זיך אפ דער צלם אלקים מיט וואס ער איז באשאפן געווארן, ווי עס שטייט "בצלם דמות תבניתו" און ווי חז"ל זאגן (שבת קנא:) "אמר רמי בר אבא אין חיה שולטת באדם עד שנדמה לו כבהמה". דעריבער, נאכ'ן חטא אדה"ר איז נסתלק געווארן אט-דער צלם, און בעת קבה"ת איז געווען "פרחה נשמתן", ווי די בחי' פון א תינוק שנולד און עס האט זיך אומגעקערט אויף זיי דער צלם אלקים, און נאכ'ן חטא העגל איז ווידער נסתלק געווארן פון זיי דער אור, דעריבער האט מש"ר געהאט די "מסוה על פניו", ביז ער האט צוזאמענגערופן און מאחד געווען כלל ישראל, וואס דעמאלט האט ער עס אראפגענומען, און זיי באלד אנגעזאגט די מצוה פון שמירת שבת, ווייל חז"ל זאגן (שבת קיח:) "כל המשמר שבת כהלכתו אפילו עע"ז כדור אנוש מוחלין לו", ווייל דאס איז די סגולה פון שמירת שבת אז עס איז מכפר על חטא ע"ז.

**ע"פ** דברינו איז גאנץ פארשטענדליך פארוואס ביז אונזער פרשה שטייט נישט אזא לשון "ויקהל", נאר בלשון יחיד, ווי דער מדרש זאגט (פ' תרומה): "אמר הקב"ה למשה אפי' אחד מישראל יכול לעשותו שנא' מאת כל איש אשר ידבנו לבו" - הייסט דאס, אז דעמאלט פאר'ן חטא, האט יעדער יחיד געהאט א כח אזוי ווי א כלל, און בשעת קבה"ת האט יעדער יחיד צוריק באקומען די צוויי כתרים - דארף מען פארשטיין דעם פשט: איין מענטש מיט צוויי כתרים? א קעניג האט דאך בלויז איין קאפ און איין קרוין. נאר דאס איז אלץ אויב עס איז דא אנוכיות, וואס דעמאלט איז נישטא קיין פלאץ נאר פאר איין כתר, ווייל דער שורש פון טומאה איז פירוד, און פירוד איז א דבר נפרד, אבער שורש הקדושה איז אחדות, דעריבער ווען אידן האבן געמאכט דעם עגל זענען זיי אריין בעולם הפירוד און עס איז צוגענומען פון זיי איין כתר, אבער בעת קבה"ת איז געווען ביטול היש, האבן זיי זוכה געווען מקבל צו זיין א ראש אחד און צוויי כתרים, למעלה מן המשוער. דעריבער, יעצט בעת זיי האבן זיך פארזאמלט, האט הקב"ה, דער חנון המרבה לסלות, זיי מכניס געווען תחת צל כנפיו - "אע"פ שחטא ישראל הוא". לויט דעם קען מען זאגן בס"ד: "**כֶּתֶר יִתְּנוּ לְךָ יְ' אֱלֹקֵינוּ וגו'**" - וואספארא כתר? דאס וואס משה האט אומגעקערט צו די אידן, און דערויף שטייט "ישמח משה במתנת חלקו". "**עִם עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל קְבוּצֵי מַטָּה**" - בעת מען איז באחדות - "עמך", לשון יחיד - זענען די מלאכים מיט'ן פמליא של מעלה זיך מבטל צום כלל ישראל. דורך ביטול היש ווערט פון אלע כתרים איין כתר און מיר גיבן אלץ איבער צו השי"ת.

## כח האחדות מטהר כמקוה

**דערמיט** פארשטייט מען פארוואס ביז'ן משכן זענען געווען די במות און יעדער איינער האט געקענט אליין מקריב זיין דורך די במות, און נאכ'ן בנין המשכן זענען די במות גע'אסר'ט געווארן - דאס איז געווען א הקדמה צום בנין המשכן, זיך מאחד צו זיין - אלץ איז בטל לשורשו, צום והי' השם למלך על כל הארץ ה' אחד ושמו אחד. און כדי צו טון אזוי, האט השי"ת באפוילן מש"ר זיי איינצוזאמלען, ווייל כדי עס זאל חל זיין די קדושה דארף מען זיך איינזאמלען און זיך פאראייניגן אינאיינעם, כאיש אחד בלב אחד. אבער דער **זוה"ק** (ויקהל קצה.) זאגט: עס שטייט אין פ' תרומה, "מאת כל איש" - בלי יוצא מן הכלל - כדי כולל צו זיין אפילו דעם ערב-רב, און נאכ'ן חטא העגל וואס דער ערב רב האט געמאכט, האט דער אויבערשטער געזאגט, פון יעצט און ווייטער, די מעשה המשכן, זאל זיין נאר פון "כל עדת בני ישראל". דאס איז פשט: "ויקהל משה" - אלע אידן - ער האט זיי מפריד געווען פונעם ערב-רב. ממילא, ווען מען וויל בויען א ביהמ"ק, א משכן לה', הן אין שטוב, הן אין ביהמ"ד, וכדו', דארף מען מפריד זיין די אלע זאכן וואס טויגן נישט - ערב רב, כת לצים, מחרחרי ריב, לייענשטאף וואס אין רוח חכמים נוחה ממנו, און דברים המזיקים לבנין ה' וקדושת ישראל.

טייטשן מיר בס"ד: "**וַיַּקְהֵ"ל**" - גימט' מקו"ה - "**מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַ"ת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**" - מרמז צו זיין אז אחדות איז מטהר ווי א מקוה, און דאס איז די כוונת המקוה - ביטול היש. און דורכ'ן בנין המשכן האט כלל ישראל איינגעזאמלט אלע פרטים צום הכלל, און מצד שני, כדברי הזוה"ק, האט מען דעם ערב-רב יעצט נישט כולל געווען - מרמז צו זיין אז ער"ב ר"ב גימטריא דע"ת. עס ווערט געברענגט (בס' **חסד לאברהם** מעין ה' נהר יז: גם ערב רב הם סוד הפסולת של הדעת, כי כן ערב רב בגימטריא דע"ת, וכן **בשלה"ק** [פ' בא תו"א] שם יש אריכות גדול בענין זה ע"ש ותבין) אז אזוי ווי עס איז דא דעת דקדושה, אזוי אויך איז דא לעומת זה דעת דקליפה. משה רבינו ע"ה האט מאסף געווען אלע אידן בני דע"ת דק' און מיט זיי געבויט א משכן לה'. "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם". "**וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אֵלֶ"ה**" - (גימ' ל"ט עם האותיות) - "**הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה יְ' לַעֲשֹׂת**" - דורך די ל"ט מלאכות ביים משכן איז נתגלה געווארן כבוד ה', און דעריבער בא הצווי על שמירת השבת. דער גאנצער ענין פון מלאכת המשכן איז להחזיר עטרה ליושנה, זיך מתאחד צו זיין בכללות ישראל, אבער דער תכלית איז פאר ה' אחד ושמו אחד, און אלץ איז מכח השבת שהוא רזא דאחד, וואס מש"ר האט מחזיר געווען די כתרים לבנ"י, וואס ער איז מקור הדע"ת, און שבת איז אויך מקור הדעת - דעריבער בעט מען נישט שבת "אתה חונן לאדם דע"ת." "**וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַ"ת**" - דע"ת - "**בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**" - כידוע, אז דער עיקר פונעם גלות איז געווען דער מקור הדעת, און חז"ל זאגן, "דעת קנית מה חסרת", אז דעת איז דאך דער גאנצער יסוד פונעם איד, דעריבער האט ער איינגעזאמלט די אידן, משפיע צו זיין אויף זיי דעם מקור הדעת, זיך צו היטן מן הכיעור והדומה לו. ויה"ר אז די קריאה זאל מעורר זיין אלע השפעות בגו"ר. אכי"ר.

❀❀❀

## פרשת פרה- מרומז לענוה

פ' פרה, שבת מברכים חודש ניסן, איז א הכנה צו טהרה און גאולה. "בניסן נגאלו ובניסן עתידין ליגאל". עס קומען אזעלכע גרויסע זמנים, הייליגע זמנים, טייערע זמנים. הקריאה מעוררת הזמן. אפר הפרה - ממש השי"ת בכבודו ובעצמו איז משפיע מי טהרה אויף יעדן איד, כמו שהוא. מ'קען זיך מהפך זיין בשעתא חדא וברגעא חדא מטומאה לטהרה.

וואס איז דער שליסל צו טהרה? ענוה, שפלות. אזוי שטייט: "**מה מקוה מטהר**" - עס דארף זיין אינגאנצן אונטער'ן וואסער, מען דארף זיך אונטערבייגן. אזוי אויך - "**אף הקב"ה מטהר את ישראל**", ווען מען האלט זיך מיט ענוה און הכנעה. אויסער דעם, ווען מען האלט זיך בענוה איז דא א שמירה ממלאכי מרום אויפ'ן מענטש, אזוי ווי עס שטייט פון הייליגן **טריסקער מגיד** זצוק"ל (תרומה):

"...עיקר תכלית האדם בעולם, להשפיל ולהקטין עצמו להיות בעיניו בבחינת מה כאלו אין תופס שום מקום בעולם, ועל ידי מדה זו מה שהאדם משים עצמו כאין נגדו יתברך שמו, בזה ממשיך עליו שמירה מלמעלה, והשי"ת שולח אליו מלאכי מרום שישמרו אותו מכל הדברים בעולם". עכ"ל.

## <u>ענוה אינו פירוש להשפיל הערך העצמי</u>

**טייערע תלמידים, מבקשי השם!** ענוה מיינט נישט זיך צו קלאפן, עס זאל פעלן כבוד עצמי, כסדר ארומגיין זאגן שלעכטס אויף זיך. יא, "חטאתי נגדי תמיד" איז פאר'ן מענטש בפרטיות. "אל תאמין בעצמך", כדי צו קענען שטייגן העכער און העכער אין עבודת השי"ת. "כבוד עצמי" איז א גאר וויכטיגע זאך. אזוי ווערט גע'פסק'נט אין **שו"ע** (רמ"א חו"מ סי' רכח) בשם המדרש: "מותר להונות את מי שמאנה את עצמו", און דער **סמ"ע**, ערקלערנדיג דארט די הלכה, שרייבט: **"דכיון דאין דרך בני אדם להונות אדם את עצמו, משום הכי אינו נקרא עמיתך שאינו מכלל בני הישוב והדרך ארץ"**. זעט מען פון דא אז איינער וואס איז מזלזל אין "כבוד עצמי", איז עס דער היפוך פון הישוב והדרך ארץ; און פארקערט, איינער וואס היט זיין "כבוד עצמי", איז ער מן הישוב און בני עמיתך. און מען קען אפשר מוסיף זיין בדרך צחות, אז די סיבה וואס איינער וואס איז מזלזל בכבוד עצמו איז נישט בכלל "עמיתך", איז וויבאלד ער איז נישט מכיר זיין חשיבות, איז עס כמעט בהכרח אז ער קען נישט מצליח זיין בעבודת ה', און ער וועט חלילה אריינפאלן אין בלאטע, ביז עס וועט אים, רחמנא ליצלן, צוברענגען צו א מצב אז ער וועט ארויספאלן מגדר "עמיתך".

און די הכרה אז א מענטש זאל זיך שעצן און אנערקענען זיין מעמד און נישט מזלזל זיין אין זיך גייט נישט אריין אין דער מדה מגונה פון תאות הכבוד, וואס חז"ל זאגן אז ס'איז פון די דברים המוציאים את האדם מן העולם, ווייל דארט רעדט מען אז ער גארט צו ווערן אנערקענט פון אנדערע, אז מענטשן זאלן אים מכבד זיין, ער לעבט פאר יענעם און איז יונק זיין חיות פון יענעם, ער וויל אז מענטשן זאלן אנערקענען זיינע מעלות און כשרונות, און אויב עס איז נישטא במדה גדושה איז עס מוציא את האדם מן העולם, ער קען נישט עקזיסטירן. אבער אינעם ענין פון "כבוד עצמי" וואס מיר רעדן דא ע"פ פסק הרמ"א, וואס דאס העלפט צו און ברענגט ארויס דעם מענטשנ'ס הצלחות ברוחניות ובגשמיות, איז ווען א מענטש איז מאמין אין זיינע כשרונות און כוחות וואס השי"ת האט אים געשאנקען, און ער שאצט זיך נישט אונטער, דעמאלט ווענדט ער אן אלע כוחות זיך צו באנוצן מיט זיי און ארויסברענגען מכח אל הפועל, און ער וועט בס"ד מצליח זיין.

## <u>שורש ענוה מהו</u>

אדרבא: דער שורש פון ענוה מיינט אז דער מענטש איז משיג גדלות הבורא און ער איז נישט מפסיק קיין רגע פון יראת ה', און מיר זענען בטל ומבוטל פאר'ן אויבערשטן, כאין וכאפס, און שטרעבן לעשות רצונו בלבב שלם. כדאי' **במלבי"ם** (משלי פ' כ"ב פ' כ"ד):

שורש הענוה מסתעף ממה שמשיג גדולתו של יוצר בראשית וכחו הגדול והמליאות אשר ברא, עד שישיג שהנהו כאין וכאפס לפני קצת מבריאותיו.

**ואי' מהרה"ק ר' יחיאל מיכל מזלאטשוב זצוק"ל** (בהנהגת צדיקים)

שורש ענוה שלא יפסיק מחשבתו מיראת ד' ולא יחשוב א"ע לכלום, ע"ד ונחנו מה. מאד מאד הוי שפל רוח בפני כל אדם וימצא בכל אדם מעלה יותר ממנו כידוע ומפורש שחושב עצמו לכלום ולחברו כמות שהוא. ואל יבזה אפילו ברי' קלה שבקלות. יראה עצמו בהכנעה בדבורו ולהיות דבורו בנחת ולא בגערה. והכנעה בראי' שלא יביט בפני אדם בדברו אתו. וידבר באימה וביראה לפני השי"ת ואם שומע חרפתו ישתוק, ויהי' נכנע באכילתו שלא לאכול כי אם להחיות את נפשו ולא למלאות תאותו. כי ע"י מאכלות ובתאות לבו מתגאה, וביותר צריך לזהר שלא יתגאה בתורה חס ושלום כי מוציא מן הקדושה אל הקליפה ח"ו. [ע"כ יזהר מאד מפני קלה, וילמוד בס' חסידים ובשל"ה הקדוש ובס"י.]

עד"ז קען מען ערקלערן בס"ד, אז יעדער מענטש, ווען ער שטייט אויף צופרי, בשעת ער זאגט די ערשטע תפלה פון מודה אני, דארף ער אריינטראכטן, **"מודה אני"** - ווער בין איך; פון זיין אייגענעם "אני" און אריינטראכטן אז אשרינו מה טוב חלקנו ומה יפה ירושתנו, שלא עשנו כגויי הארצות, ששם חלקי בין יושבי ביהמ"ד און נישט ח"ו בין יושבי הקרנות, דאך מעורר זיין בײ זיך דעם כח פונעם "אני", וואס דאס איז די אלע תחבולות פונעם יצה"ר, צו מאכן פארגעסן אונזער מציאות, ווער מיר זענען. ער איז מהפך דעם "אני" אויף "אין", און מיר דארפן לוחם זיין און מהפך זיין דעם "אין" צום "אני". ווען מיר זענען גאר שטארק און קלאר ווער מיר זענען, דעמאלט דארף מען זיך מבטל זיין פאר השי"ת און מכיר זיין אז מיר זענען זיינע עבדים, עבדי ה'. דער מענטש דארפן טראכטן בײ זיך, איך בין מכיר דעם "אני" און כ'בין זיך מבטל לגמרי **"לפניך מלך חי וקים"**.

**טייערע אידן!** בשעת מיר וועקן זיך אויף יעדן צופרי, מיר וואשן זיך די הענט און מיר זאגן דעם ערשטן שבח והודאה להשי"ת, **"מודה אני"**, זאל עס יעדער אויספרובירן: פארמאך די אויגן פאר 30 סעקונדעס, און פרעג זיך אליין: "ווער בין איך?" וואס וועט זיין די ערשטע מחשבה? "איך" - א דורכפאל. דער יצה"ר קומט מיט אלע מיני שטותים און שברון לב שלא במקומו. נו, אויף דעם קומט דער "ויגבה לבו בדרכי ה'" און מאכט אוועק די טענה מיט א ביטול: עה! דאס אלץ בין איך נישט. אבער וואס יא? שלא עשני גוי! איך בין א יושב באהלה של תורה, א חסידישער בחור אדער יונגערמאן, א איד וואס איז מתפלל אין ביהמ"ד דריי מאל א טאג און עסט כשר'ס. אזוי זאל מען דורכגיין די רשימה פונעם "עשה טוב", וואס מען איז יא, און דעמאלט וועט מען נתמלא ווערן מיט שמחת הלב. יעצט שטיי אויף מיט א געשמאק און א לב שמח. **"מודה אני"** – יא, דאס אלץ בין איך, אבער **"לפניך"** - פאר דיר - בין איך בטל ומבוטל, כ'בין אן עבד ה'. פארוואס? ווייל **"מלך חי וקים שהחזרת בי נשמתי** וגו'".

עפ"ז יש לפרש בס"ד הטעם מה שנפסק בשו"ע (משנ"ב סי' א' סק"ח): **"יקום בזריזות - לאו דוקא אלא ישהה מעט ולא יעמוד פתאום כי זה מזיק לגוף** (גיטין דף ע')". ווייל ווען מען שטייט אויף אן קיין התבוננות פון "ערך עצמי", ווי דערמאנט, שטערט עס דעם גוף צו קענען ממלא זיין זיינע פליכטן, לעשות רצון קונו. נאר מען זאל צוואווארטן אביסל. אבער **"טוב לומר"**, עס איז גוט צו זאגן, **"תיכף בקומו"**, גלייך ווען מען שטייט אויף - ווייל אויב מען וועט צוואווארטן, האט מען מורא אז דער מענטש וועט אריינפאלן אין ענוה פסולה, אין א דעפרעסיע ח"ו, און צוריק איינשלאפן. דעריבער זאל ער גלייך געבן א זאג, **"מודה אני"**, אריינטראכטן אינעם "עשה טוב", אינעם אמת'דיגן "אני", און נאכדעם, ווען מען דערהערט דאס אייגענע חשיבות, קען ווערן א ביטול היש – **"לפניך"**, כאטש איך בין אזוי חשוב, אבער פאר דיר בין איך זיך אינגאנצן מבטל. פארוואס? ווייל דו ביסט א **"מלך חי וקים"**, און איך דאנק דיר, **"שהחזרת בי נשמתי בחמלה"**, מיט דערבארעמקייט, **"רבה אמונתך"** וגו'". בדרך רמז קען מען זאגן: פארוואס האט מען נישט אריינגעלייגט א שם אין "מודה אני", און צוליב דעם איז די הלכה אז **"וא"צ לזה נט"י ואף אם ידיו מטונפות כי אין מזכיר בזה הנוסח לא שם ולא כינוי"**, ווייל צו קענען מזכיר זיין א שם שמים דארף זיין אן "ערך עצמי". א מענטש, ווען עס ווערט נתעורר בײ אים דער "אני", דעמאלט שפירט ער אז ער איז אומריין, וואשט ער זיך די הענט, און פאנגט אן דעם טאג מיט א חיות ושמחה וטוב לבב.

## ול'בש ב'גדים א'חרים

די סיבה וואס רוב מענטשן טוען זאכן וואס טויגן נישט איז ווייל זיי גלייבן נישט אין זיך. די שוואכע מוזן זיך גוט פילן; מ'איז ליידער פאר'שיכור'ט, זוכט מען אין מיסט, אדער מען טרעפט א סיפוק פון ארויסגעבן זאכן וואס פארמאגן גארנישט. דאס קומט אלץ ווייל זיי האבן אן אינערליכע מלחמה מיט זיך אז זיי דארפן ווייזן א זיי טויגן יא. מען זוכט צו זיין אנדערש ווי דער סדר העולם. ווען מען דערהערט אבער דעם אייגענעם "כבוד עצמי", קען מען זיך באהערשן און טראכטן פאר מען נעמט אריין אין די הענט לייען-שטאף: וואס קויפסטו? מיט וואס ביסטו קליגער געווארן, סיי אין רוחניות און סיי אין דיין טאג-טעגליכן לעבן? דאס אלץ קומט ווייל מען טראכט נישט אריין, נאר מען "פארט מיט דער באן". אונזער לעבן און חיות איז מען יונק פון אנדערע (מ'לעבט פאר אנדערע; דאס מיינט נישט אמאל ווען מען טוט א חסד, לשם מצות גמילות חסדים, נאר מיין כוונה איז לעבן אזוי כסדר). מען בעט קיינמאל נישט קיין געלט פאר א טירחא, אדער מען זאגט, "צאל וויפיל דו קענסט", אדער טוט מען זאכן צו באקומען די אנערקענונג פון דער "עמך"-וועלט, און דאס איז ווייל דעם עיקר תשלומין באקומען די מענטשן בדיבור, ווען מען דריקט אים אויס אנערקענונג ווי גוט ער האט עס געמאכט, אז ער איז אזא געלונגענער מענטש, ער האט צוויי רעכטע הענט. אדער גאר פארקערט: ווען מען גיט אים א קאמפלימענט, שטופט ער דאס אוועק, ער פרעגט עס אפ. די סארט הנהגה שטאמט פון א גאר-שוואכן "ערך עצמי". יעדער איינער דארף הערכה, אבער אנשטאט זוכן פונדרויסן, פון דער סביבה - וואס דאס איז גוט אמאל, אבער נישט לעבן דערפון - דארף עס יעדער איינער זוכן בײ זיך אינעווייניג. אויב מיר וועלן שעצן אונזער ארבעט, וועלן מיר נישט מוותר זיין קיין תשלומין. יעדער איינער דארף פארשטיין זיין ערך און זיינע מעלות. א בן מלך, אפילו ווען ער פירט זיך בזלזול, שלא כדת, ווערט ער קיינמאל נישט אויס בן מלך, ער פארלירט נישט זיין עצמיות. דעריבער איז קבלת עול מלכות שמים בשעת ק"ש - "**שמע ישראל**", מען דארף זיך כולל זיין אז מען איז אין דעם פאלק ישראל, פון דער קעניגליכער מלוכה, און דאס איז דער ריכטיגער עול מלכות שמים.

און די עצה היעוצה דערפאר איז לויט ווי עס שטייט אין פסוק (דברים): "ובקשתם משם את הוי' אלוקיך ומצאת", און עס איז ידוע דער פירוש **הבעש"ט נבג"מ** - "משם" דייקא, "מן המיצר קראתי קה". אין יעדן מצב וואו א איד טרעפט זיך, קען ער טרעפן די מדה פונעם שם הוי' וואס איז חסד ורחמים. אבער וואס מיינט "ובקשתם משם"; איז דען השי"ת בגדר אבידה ח"ו, וואס מען דארף אים זוכן און טרעפן? עס איז דאך מלא כל הארץ כבודו?

קען מען מסביר זיין בס"ד דעם ענין, לויט וואס עס שטייט אין די ספה"ק אויפ'ן פסוק (בראשית א) "וירא אלקים את האור כי טוב" – אז דער אויבערשטער האט געזען אז עס איז גוט צו באהאלטן דעם אור (זהר ח"א מה:) וואס איז באשאפן געווארן ביום ראשון. דער ענין פון דעם "אור" איז, אז עס גייט ארויף אויפ'ן הארת פנים העליונים וואס איז אין יעדן איינציגן איד, ווי עס שטייט אין פסוק (במדבר) "יאר ה' פניו אליך" – "יאר" איז א לשון פון "אור". אט-דער אור, וואס איז פון דעמאלט אן בבחינת הסתר והעלם, איז באהאלטן אינעם פנימיות פונעם מענטש, און דאס איז די עבודה פון א איד, מגלה צו זיין דעם אור הגנוז. אט-דער ענין ווערט ערקלערט אין **ס' התניא** (פ' מב) אויפ'ן מאמר חז"ל (ברכות לג:) "אוצר וגו' יראת שמים" – אז פונקט ווי אן אוצר וואס איז באהאלטן טיף אין דער ערד און מען דארף גראבן מיט גרויס יגיעה עס צו אנטפלעקן – אזוי אויך דארף א איד מגלה זיין דעם אוצר וואס איז באהאלטן אין אים און גראבן מיט א יגיעה עצומה כדי מגלה צו זיין דעם אוצר פון יראת שמים וואס איז באהאלטן אינעם בינת הלב פון יעדן איד.

און ווי געזאגט, איז דאך די טבע פון אט-דעם אור הגנוז, אז עס איז באהאלטן אינעם פנימיות הנפש פון יעדן איד. עס איז אבער פאראן איינער וואס דער אור איז ביי אים נישט בלויז באהאלטן, נאר ס'איז ביי אים אין דער בחינה פון אן "אבידה"; זיין נפש איז אין א גלות פרטית צוליב זיינע אומפאסיגע מעשים, און דער אור הגנוז איז דאן פארלוירן ביד זרים ח"ו. דערפאר זאגט דער פסוק "ובקשתם משם" – "משם" דייקא, מען זאל עס אויסלייזן פון דארט און אריינברענגען תחת הסטרא דקדושא, און מעורר זיין דעם הייליגן ניצוץ. "אלוקיך" – "דיין" ג-ט - מקבל צו זיין דאס הארת הפנים העליונים, און דורך דעם וועט דאס הארץ נתעורר ווערן צו אהבת ה' און יראת ה' כדבעי.

און יעצט איז דער זמן מוכשר דערפאר - אפר הפרה איז מטהר טמאים - דאס מיינט דעם בעל-גאוה, אז עס האט מהפך געווען ביי אים דעם "אני" אויף "אין". אפר הפרה איז אויך מטמא טהורים - עס איז מהפך ענוה פסולה אויף "כבוד עצמי", און דעם "אין" אויפ'ן "אני", צו זיין א בן מלך. דער עיקר איז צו היטן אונזער "אני", דעם אוצר פון יר"ש וואס איז באהאלטן און פארלוירן אין אונז און עס אויסלייזן פון געפאנגענשאפט, און עס זאל נתגלה ווערן כבוד שמים על ידינו.

טייטשן מיר בס"ד: "**ולבש בגדים אחרים**" – ר"ת לב"א. דאס קען מרמז זיין אז "רחמנא לבא בעי"; אז מ'וועט צוליגן הארץ צו די צרכים פון אונזערע קינדער און זיי בויען מיט די ריינע הרגשים, וועט מען זוכה זיין צו "**והוציא את הדשן**", אז מ'וועט קענען פארטרייבן באצייטנס פון זיי אלע מכשולות וואס קומען אן שפעטער.

## חיפוש וביקוש ה"אני" שנאבד

**שמעו נא רבותי!** איך וויל זיך דורכשמועסן אביסל מיט אייך. דאס הארץ רייסט, און איך מוז זיך אויסרעדן. כאטש מיין דרך איז בניחותא, גיסט זיך עס אבער איבער די ברעגן, און "דאגה בלב איש ישיחנה לאחרים". אין דער לעצטער תקופה הערט מען צוזאמען פון אזויפיל יונגע פארווייטאגטע צעירי הצאן, אז עס פלאצט אויס ליידער על ה' ועל משיחו, הי"ו. רוב פון זיי קומען פון גאר שיינע שטיבער, אנשים מכובדים. עס נישט צום גלייבן וואס זיי רעדן זיך אפ, אין וועלכן מצב זיי שטייען. אין ישיבה זענען זיי פון די מצויינים, און באמת ברענט אין זיי אן אש זרה, און אין די שפעטערע יארן פלאצט עס אויס; מען ווארפט אוועק א משפחה, אן אשת חיל, און מען איז א כופר הכל, און עס קומט ארויס דורך זיי א חילול ה' בפרהסיא. יעדער טאטע און מחנך דארף זיך אפשטעלן און טראכטן: וואס קענען מיר טון, אז מיר זאלן נישט האבן אויף זיך א תביעה אז ידינו לא שפכו את הדם הזה.

**דעו נא! ממש ביי רוב פון זיי איז דער "ערך עצמי" צעקלאפט. זיי זענען שפל ונבזה אין שטוב.** (אדער בישיבה) **מען הערט קיינמאל נישט קיין גוט ווארט במלא חפניים, אדער כאטש נישט ווייניגער ווי דער פסק וואס זיי באקומען. די עלטערן האבן קיינמאל נישט קיין צייט פאר זיי. קינדער זענען נישט קיין שוטים. זיי כאפן אויף פינקטליך אלץ וואס טוט זיך ארום זיי, וואס עס איז ביי די עלטערן וויכטיג, אז די קינדער זאלן זיי מכבד זיין כדי צו זעטיגן זייער כבוד המדומה, און זיי מיינען גארנישט די הצלחה פון די קינדער. די השפלה צעברעכט זיי ביז'ן תהום.**

**חשוב'ע עלטערן! זיי חלש'ן פאר אייער – און נאר אייער – אנערקענונג ביי אייך אינדערהיים. איז כדאי אז מען זאל זיך אויסטון די ארבעטס-קליידער, אפילו דעם איצטלא דרבנן, אינדערהיים זיין א טאטע, נישט דווקא א שיינער איד, וכדו'. זיי מסיח דעת פון דיינע**

**אייגענע צרכים, און ווער א טאטע צו דיינע קינדער, און דעמאלט – "גם כי יזקין לא יסור ממנו". אין יעדן נסיון און מצב וועט דאס קינד זען "דיוקנו של אביו", און דאס וועט אים מציל זיין מן החטא, ומן הכיעור והדומה לו. היזהרו על בניכם ועל חילול ה'. די גמרא זאגט** (מגילה כז.): **"אמר ר' שמעון בן גמליאל אפילו אין לו מה יאכל ומכר וגו' בתו אינו רואה סימן ברכה לעולם" - פירש רש"י: "באותן הדמים". א פלא: איינער האט נישט קיין פרנסה, פארקויפט ער זיינס א קינד פאר א דינסט, כדי ער זאל איר קענען מפרנס זיין צוזאמען מיט דער משפחה, אזוי ווי עס שטייט אין דער תורה "כי ימכור איש את בתו לאמה" – "בקטנה הכתוב מדבר". מאי כולי האי? נאר זי איז א קטנה, זי האט נישט דעם כח ארויסצושרייען די השפלה, זי ווערט צעקלאפט ביי זיך, ווייל זי קען זיך נישט קעגנשטעלן אירע עלטערן. מיינט נישט אז ווייל זי איז א קטנה ברשות האב, רעכנט מען זיך נישט מיט אירע הרגשים, דאס איז דער לימוד אין א פאל וואס עלטערן** (מחנכים) **זעטיגן זיך מיט זייער כבוד און דערפילן זייערע צרכים אויף דער קינד'ס** (תלמידים) **חשבון - זאגן חז"ל: "אינו רואה סימן ברכה לעולם - באותן הדמים".**

**דא ליגט די תשובה פארוואס עס זענען דא אפילו גאר חשוב'ע אידן וואס זענען טיילמאל נישט מצליח און האבן נישט קיין מנוחה, ווייל די קינדער** (תלמידים) **זעען אז די עלטערן** (מחנכים) **זענען פארנומען אלץ מיט חשבונות ווי אזוי אליין מצליח זיין אויפ'ן חשבון פון זייערע קינדער** (תלמידים). **וד"ל.**

**טייערע עלטערן:** עס איז קיינמאל נישט צו שפעט. לאמיר מאכן א סך-הכל:

**א)** לייגט אריין ערשט אין זיך דעם "כבוד עצמי" און "ערך עצמי", ברענגט אריין אין זיך א צופרידנקייט, לייגט אוועק אלע תאוות עוה"ז פאר 10-12 יאר, און זייט אינדערהיים. אנטלויפט נישט צו וואקאציעס, "טאַרגעט", "קאַסטקאָו", וכדו', ווען עס קומט אויפ'ן חשבון פון די קינדער (מ'רעדט נישט בשעת הצורך).

**ב)** קינדער ווילן אהיימקומען צו זייערע ווארעמע, רואיגע עלטערן און צו א געשמאקער מאלצייט (נישט אז מ'לאזט א מעסעדזש אויפ'ן טעלעפאן פאר די קינדער אז מ'זאל ארויסנעמען א פיצאַ פון פריזער) און נישט אז די עלטערן זאלן זיין פארנומען אויפ'ן טעלעפאן ווען די קינדער דארפן זייער אויפמערקזאמקייט (און דערצו נאך אויסלערנען די קינדער דרך-ארץ אז "מ'טאר נישט אריינרעדן ווען די עלטערן רעדן אויפ'ן טעלעפאן"). אויב מען וועט זיי ווייזן אז זיי, און נאר זיי, עקזיסטירן, איז אולי ואולי ה' ירחם, אז זיי זאלן אויפוואקסן זרע ברך ה'.

**ג)** חז"ל זאגן "חכמה בגויים תאמין", און לויט ווי עס זאגן די עקספערטן אין רפואת הנפש, ליידן היינט צו טאג א געשאצטע צאל פון 9.5 פראצענט דערוואקסענע מענטשן אין אמעריקע אויף Mood Disorders - וואס שליסן איין דעפרעסיע, מרה שחורה, והדומה להם; און 18.1 פראצענט ליידן אויף Anxiety Disorders. ווען מען ליידט פון די חולשות, שטערט עס די אייגענע רואיגקייט און מ'קען זיך נישט צוזאמענעמען מיט מנוחת הנפש און הרחבת הדעת, און עס שטערט די דערציאונג אין שטוב. די סטאטיסטיק ווייזט אז שמחה און עצבות זענען "אַנשטעקיג". אז מ'דרייט זיך ארום פרייליכע און רואיגע מענטשן, ווערט מען אליין בשמחה און אין א צופרידענער שטימונג; און אז מען איז אין א סביבה פון צעקלאפטע און דערשלאגענע, פאלט מען אליין אריין אין א דעפרעסיע און מרה-שחורה, ר"ל. דעריבער, אויב מען ליידט פון פארשידענע חולשות, זענען דא ב"ה טאבלעטן וואס העלפן זיך צו האלטן רואיג, אבער אומצופרידנקייט פון עלטערן טאר נישט קומען אויפ'ן חשבון פון די קינדער. מ'דארף אויך נישט שפירן צעקלאפט אז מ'ליידט פון די פארשידענע חולשות; פארקערט, מ'זאל זיין צופרידן אז עס זענען ב"ה דא רפואות און מ'קען לייזן די פראבלעמען. אויך רפואת הנפש איז אין כלל פון רפואה, און ס'איז נישטא קיין שום סיבה נישט צו גיין צו דאקטוירים. אויך אויף דעם גייט אן וואס חז"ל האבן געזאגט, "מכאן ניתן רשות לרופא לרפאות". **ובאמת איז דאס אלץ נוגע אויך פאר מחנכים און מגי"ש לגבי די בחורים וואס געפינען זיך רוב זמן אין ישיבה, אז דאס מומחיות שאצט זיך לויט וויפיל געשמאק מ'גיט אריין אין די בחורים און ווי שטארק מ'קען אריינגעבן א חיות אינעם עתיד פון די תלמידים. ואכמ"ל ועוד חזון למועד.**

## תהי' חכם ואל תהי' צודק

**סוף דבר הכל נשמע:** מיר דארפן וויסן אז אפילו די וואס האבן נישט די סביבה אדער עידוד צו באקומען א נאטירליכן "ערך עצמי", דארפן אבער אויפהערן לעבן ווי א רחמנות און פיינט האבן און באשולדיגן די וועלט. די וועלט זאגט, "ווען דו לאכסט, לאכט יעדער מיט, און ווען דו וויינסט, וויינסטו אליין." ווען א מענטש לעבט מיט א רגש פון נקמה און שנאה, בויט ער ביי זיך א וואנט און ער קען נישט מצליח זיין און איז מזיק זיין עתיד און שמחת החיים. לאמיר פרעגן די שארית-הפליטה אידן - זיי האבן דורכגעלעבט א ביטערע מלחמה, פארלוירן אלץ אויף דער וועלט; מ'האט זיך מיט זיי באנוצט אזוי ווי בהמות, און זיי האבן געלעבט יארן אן קיין מענטשהייט פאר די אויגן, און יעדער וואס האט איבערגעלעבט די מלחמה האט אויפגעשטעלט א דור ישרים מבורכים. מיט וועלכן כח? אט דאס רעדט מען - א פעסטקייט פון "למען חייך", געטון צו דער זאך. באשולדיגן און קרעכצן, פרעגן קשיות – פון דעם וועט נישט זיין קיין שום תכלית. אנשטאט אננעמען דעם מציאות אז יא, דאס איז עס, דאס איז מיין נסיון, איך ווארט נישט פאר קיין כבוד און אנערקענונג, זאל מען טרעפן א מחנך א יר"ש וואס זאל אויס לערנען דעם מענטש, זיך גיט אנ צוקוקען, און אויף בויען זיין לעצטיגע עתיד, און קענען מסיח דעת זיין פון דו וויטאגען, און קען באלכטען דו וועלט מיט שמחת החיים.

טייטשן מיר בס"ד (בראשית כז, ח): "**וְעַתָּה**" - אין ועתה אלא לשון תשובה, "**בְנִי**", דו ביסט דאך א בן מלך, "**שְׁמַע בְּקֹלִי**", אז דו ווילסט תשובה טון און מקבל זיין אויף זיך לשמוע בקול ה', "**לַאֲשֶׁ"ר**", און מחזק זיין די עניני אש"ר (א'מונה ש'כל ר'גש), "**אֲנִ"י מְצַוָּה אֹתָךְ**" - בענייני קדושה בין איך דיר מצווה, אז דארט זאלסטו זיך באנוצן במדת "אני", "כבוד עצמי", "ויגבה לבו בדרכי ה'", און דאס וועט באשיצן דיך און דיין טאג-טעגליכן לעבן בהצלחה, אזוי ווי עס שטייט (ישעיה מה, ג): "**וְנָתַתִּי לְךָ אוֹצְרוֹת**", אז דער אויבערשטער האט יעדן איד געגעבן אוצרות, כשרונות, כוחות, אבער עס איז במקום "**חֹשֶׁךְ וּמַטְמֻנֵי מִסְתָּרִים**", מען שפירט א חשכות, עס זענען דא נסיונות, שוועריגקייטן, "במסתרים תבכה נפשי", עס קומט אן אזוי שווער, ה' ירחם. זאגט דער אויבערשטער: "**לְמַעַן תֵּדַע**", מיר זאלן וויסן, "**כִּי אֲנִ"י יְ' הַקּוֹרֵא בְשִׁמְךָ אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל**", אז דער אויבערשטער אונזער ג-ט רופט אונז, און ער האט אריינגעלייגט זיין כח במדת אנ"י, און גיט אונז רשות זיך צו באנוצט מיט דער מדת "אני" במקום הצורך, מיר זאלן זיך מחזק זיין און מגלה זיין כבוד שמים ע"י מעשה ידינו.

**יה"ר** שיתקיים בפועל **גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנּוּ**, נחת פון אינזער קינדער אן קיין עגמת נפש אכי"ר.

**גוט שבת**

בהנהלת הרב
יעקב יוסף ווייס
שליט"א
מאנסי, ניו יארק
בעמח"ס
בנתיבות החיים
פרקי הדרכה לחיי נועם שלוה

מבין ומבין
בס"ד
סעד ועזר
אורה והדרכה
ילד בחור אברך

יעוץ והדרכה
על פי תורה בהמלצת
גדולי ישראל
ומחנכים בארץ ובחו"ל
STRICTLY CONFIDENTIAL!

שע"י מרכז עזר 'נתיבות החיים' – מאנסי יע"א
אם הנך מתקשה בהתמודדויות אישיות/ חינוכיות/ נפשיות
וחפץ לקבל סיוע אישי על פי תורה
הזמן פגישה בטל': 845.517.9472